**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און מאיאריטעט פירער שומער מעלדן די אנהויב פון בוי ארבעט פאר עדווארד'ס וואקום 319 מיליאן דאלאר סעמיקאנדאקטער סופליי שטעין געביידע אין דזשענעסי קאונטי**

***גלאבאלע פראדוצירער פון טרוקענע פאמפס וועלן פארשטערקערן ניו יארק'ס סעמיקאנדאקטער סופליי טשעין, שאפן ביז 600 דזשאבס אין די פינגער לעיקס ראיאן***

***אינוועסטירונג געטריבן דורך דאמעסטישע סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע וואוקס געטריבן דורך פעדעראלע CHIPS און סייענס געזעץ און ניו יארק'ס Green CHIPS פראגראם***

***פראיעקט ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

***געמאלענע בילדער פון דעם פראיעקט'ס דעזיין זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול און אמעריקאנע מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האבן היינט געמאלדן די אנהויב פון א בוי ארבעט אויף די ערשטע פאזע פון די 319 מיליאן דאלאר Edwards Vacuum טרוקענע פאמפ פראדוצירונג געביידע, אין די דזשענעסי קאונטי טאון פון אלאבאמא. די בריטיש-באזירטע גלאבאלע פירער אין וואקום און מינדערונג געצייג פאר די סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע, טייל פון די Atlas Copco Group, האט אויסגעוועלט New York Science & Technology Advanced Manufacturing Park אין דזשענעסי קאונטי אלס די פלאץ פאר איר נייע אמעריקאנע טרוקענע פאמפ פראדוצירונג געביידע. די טעכנעלאגיע פראדוצירט ביי די נייע געביידע איז א קריטישע טייל צו קאנטראלירן גאר הייקעלע ענווייראנמענטן פון סעמיקאנדאקטער פראדוצירונג פראדעצורן. Edwards Vacuum's באשלוס צו אינוועסטירן אין ניו יארק סטעיט פאלגט נאך דאס דורפירן די פעדעראלע CHIPS און סייענס געזעץ, ניו יארק'ס Green CHIPS לעגיסלאציע, און די דאמעסטישע סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע וואקסן וואס די ערגענצנדע פראגראמען האבן געברענגט, אריינגערעכנט מיקראן'ס פרעצעדענטלאזע 100 ביליאן דאלאר פארפליכטונג צו צענטראל ניו יארק, וואס איז ערווארטעט צו שאפן נאנט צו 50,000 דזשאבס.

"אלס א מזרח ניו יארק געבוירענער, בין איך אריבער די יארן פון צוריקפאלן פון די ארויס וואנדערונג פון פראדוצירונג פון אפסטעיט ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די טעג זענען פאריבער. די אנהויב פון בוי ארבעט אויף די נייעסטע Edwards Vacuum געביידע סיגנאליזירט די אנהויב פון א נייע קאפיטל פארביידע מזרח ניו יארק און די פינגער לעיקס ראיאנען. Edward's אויסוואל צו בויען אין ניו יארק סטעיט ברענגט הונדערטער גוט באצאלטע דזשאבס און מיליאנען דאלארן אין אינוועסטירונג צו אפסטעיט בשעת'ן העלפן פארשטערקערן אונזער דאמעסטישע סעמיקאנדאקטער סופליי טשעין, פארקירצן ליפערונג זמנים פאר סופלייער ווי מיקראן, רעדוצירן קארבאן עמישנס, און אונטערהייבן נאציאנאלע זיכערהייט."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאק שומער האט געזאגט,** "היינט איז א גאוועלדיגע טאג פאר די מזרח ניו יארק און פינגער לעיקס ראיאן, מיט Edwards Vacuum גרונטברעכונג פון איר 300+ מיליאן דאלאר פראדעצירונג פלענט, וואס וועט שאפן א געשאצטע 600 גוט באצאלטע דזשאבס און שטיצן ניו יארק'ס שוין בליענדע סעמיקאנדאקטער סופליי טשעין. א דאנק מיין CHIPS & Science Act, וואס טוט ווייטער דעליווערן אינוועסטירונג נאך אינוועסטירונג פאר אפסטעיט NY, טוען מיר צולייגן נאך א סטאפ צו אונזער סעמיקאנדאקטער שאסיי אראפ די בליענדע I-90 קארידאר טעק צענטער מיט Edwards Vacuum'ס גרונדברעכונג היינט. איך האב געשטופט Edwards Vacuum צו קומען צו ניו יארק וויבאלד איך האב געוואוסט אז מיר האבן די קוועלער, אינפראסטרוקטור, און דאס וויכטיגסטע, די בעסטע ארבעטסקראפט, צו אנפירן די גרויסע פירמע גלייך דא אין דזשענעסי קאונטי. Edwards איז א פירנדע דעוועלאפער פון טייל פון די מערסט מאדערנע טרוקענע פאמפס נויטיג צו ברענגען מאסיווע צימערן פון טשיפ פראדעצירונג פאבריקן צום לעבן, און מיט זייער אינוועסטירונג, העלפן מיר ברענגען איינע פון די מערסט קריטישע עלעמענטן פון די סעמיקאנדאקטער סופליי טשעין צו אפסטעיט NY. דאס איז נאך א ביישפיל פון מיין CHIPS & Science Law ברענגענדיג פראדוצירונג צוריק צו אמעריקע, ספעציעל אפסטעיט NY, און איז נאר די אנהויב פון די נעקסטע קאפיטל אין אפסטעיט NY'ס פראדעצירונג ווידערגעבורט."

בוי ארבעט אויף די 127 מיליאן דאלאר ערשטע פאזע פון Edwards Vacuum'ס 240,000 סקווער-פוס קאמפוס וועט אריינעמען פראדוצירונג, אוועקלייגן, און אדמיניסטראציע געביידעס, מיט א מעגליכקייט צו פראדוצירן 10,000 טרוקענע פאמפס פער יאר. די בלויז-עלעקטריק געביידע וועט שטרעבן פאר LEED באשטעטיגונג, מיט א מאיאריטעט פון די קראפט ערצייגט דורך וואסער עלעקטריציטעט.

Edwards פארפליכטונג צו בויען אין אמעריקע קומט נאך אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען דורך דיביידען אדמיניסטראציע צו פארמערן דאמעסטישע טשיפ פראדוקציע, און דאס דורפירן פון די פעדעראלע CHIPS and Science Act און ניו יארק'ס Green CHIPS לעגיסלאציע, ווי אויך די וואקסנדע געברויך צו שטיצן איינקויפער אין דרום אמעריקע. Edwards טרוקענע פאמפס ווערן יעצט פראדוצירט אין אזיע. דורך ברענגען פראדוקציע צו ניו יארק, עדווארדס איינקויפער - אריינגערעכנט מיקראן און GlobalFoundries אין ניו יארק, אין אינטעל אין אהייא - וועלן צוזעהן קורצערע ווארטענישן, פארבעסערטע אנטווארט און רעדוצירטע CO2 ארויסגעבונג פון אן אמעריקאנע געמאכטע פראדוקט. עדווארדס שאצט אז ווען פאזע איינס איז אין אפעראציע, וועט עס רעדוצירן CO2 ארויסגעבענישן מיט 13,000 טאנען פער יאר.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט באלוינט עדווארדס וואקום מיט ביז 21 מיליאן דאלאר דורך א צונויפשטעל פון אויפפירונג-באזירטע Excelsior Jobs Tax Credits and Investment Tax Credit אין אויסטויש פאר 600 דזשאבס, און נאך 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט פראוון און די טרענירונג פון א פארשידנארטיגע און היימליכע ארבעטסקראפט. אין צוגאב, טוט די New York Power Authority שטיצן די פראיעקט דורך א 4.9 מעגאוואט (MW) נידריגע-קאסטן ניאגראם וואסער קראפט פארטיילונג און א 2.1 MW פון High Load Factor קראפט פארטיילונג וואס NYPA וועט שאפן פאר עדווארדס אויף די ענערגיע מארקעט. ביליגע הײדראָו-פּאַווער אין ניאגארא איז דא צו באקומען פאר פירמעס וועלכע געפונען זיך אין די 30-מייל ראדיוס פון די פּאַווער אויטאריטעט'ס ניאגארא פאווער פראיעקט אדער פאר ביזנעסער אין שעטאַקווע קאונטי.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר האופ נייט האט געזאגט,** "די אנהויב פון בוי ארבעט פאר עדווארדס וואקום נייע געביידע סיגנאליזירט אז הונדערטער גוטע דזשאבס און מיליאנען דאלארן אין אינוועסטירונגען זענען געריכטעט צו אפסטעיט ניו יארק. מיר זענען פעסט אויפן וועג צו באקומען א גלאבאלע צענטער פאר פארגעשריטענע פראדוקציע און בויען א שטארקע סעמיקאנדאקטער עקאסיסטעם אין ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק פאוער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דזשאסטין ע. דריסקאל האט געזאגט,** "דורך נוצן נידריגע-קאסט וואסער קראפט, טוט NYPA שפילן א וויכטיגע ראלע אין צוציען פראדוצירער פון פארגעשריטענע טעכנעלאגיעס אין ניו יארק. עדווארדס וועט זיין א הויפט סופליי טשיין שותף אין ניו יארק'ס גלאבאלע אנערקענטע סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע, און די פירמע'ס אויסברייטערונג וועט סטימיולירן די ראיאן'ס עקאנאמיע - שאפנדיג הונדערטער דזשאבס און ברענגענדיג הונדערטער מיליאנען פון קאפיטאל אינוועסטירונגען."

סעמיקאנדאקטערס, און זייער סופליי טשעין שותפים, זענען קריטיש צו די לאנד'ס עקאנאמישע כח, סערווירנדיג אלס די מח פון מאדערנע עלעקטראניקס, און ערמעגליכנדיג טעכנאלאגיע קריטיש צו אמעריקאנע עקאנאמישע וואקוס, נאציאנאלע זיכערהייט, און גלאבאלע קאנקורענץ. די אינדוסטריע טוט דירקעט אויפנעמען איבער 277,000 מענטשן אין אמעריקע און שטיצט מער ווי 1.8 מיליאן דאמעסטשיע דזשאבס. סעמי-קאָנדאָקטערס זענען פון די פינף פראדוקטן וואס ווערן די מערסטע עקספארטירט פון די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז די הויפט בײשטייערער צו די פרוקטבארקייט פון ארבעט, ערמעגליכנדיג פארבעסערונגען צו די ווירקזאמקייט און געשליפנקייט פון ארבעט אין כמעט יעדע עקאנאמישע סעקטאר — פון פארמינג ביז מעניופעקטשורינג.

גאווערנער האקול האט גענומען באדייטנדע שריט צו פארזיכערן אז ניו יארק שפילט א קריטישע ראלע אין די צוריקקער פון די סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע אריינגערעכנט ניו יארק'ס נאציאן-פרינדע Green CHIPS פראגראם וואס טוט צוציען די גרעסטע סעמיקאנדאקטער פראדוקציע ביזנעסער צו די סטעיט און פארזיכערן צוזאגן צו גוט-באצאלטע דזשאבס, נאכהאלטיגקייט, און געמיינדע בענעפיטן. אין צוגאב, האט גאווערנער האקול געשאפן די 200 דאלאר FAST NY פראגראם אין 2022 צו שטיצן די צוגרייטונג און אנטוויקלונג פון פלעצער איבער די סטעיט. די פראגראם איז געווארן אויסגעשטעלט צו אנהויבן ניו יארק'ס שאוול-גרייטקייט און פארמערן איר צוציאונגס צו גרעסערע ארבעטסגעבער, ווי סעמיקאנדאקטער און ריינע טעק און הויכע-טעק פראדוקציע פירמעס. זינט די פראגראם'ס איינשטעלונג, האט שוין ESD באלוינט 175 מיליאן דאלאר צו 20 פלעצער איבער יעדע אפסטעיט ראיאן, אריינגערעכנט די Science & Technology Advanced Manufacturing Park (STAMP), צו אנטוויקלען מער ווי 2,500 אקער. גאווערנער האקול האט אויך געשאפן די Governor's Office of Semiconductor Expansion, Management, and Integration (GO-SEMI), וואס פירט סטעיטווייזע פרואוון צו אנטוויקלען די טשיפ פראדוצירונג סעקטאר.

אין די FY 2025 איינגעשטעלט בודזשעט, האט גאווערנער האקול זיך אריינגעווארפן אין איר צוזאג צו וואוקסטעלן ניו יארק אלס א גלאבאלע צענטער פאר סעמיקאנדאקטער פארשונג און ערצייגונג, אריינגערעכנט:

- 100 מיליאן דאלאר אין פאנדינג פאר נאך רונדעס פון די FAST NY פראגראם.
- 500 מיליאן דאלאר פאר NY CREATES' אלבאני Nanotech Complex - מיט סך הכל סטעיט אינוועסטירונג פון 1 ביליאן דאלאר - צו אנהויבן א 10 ביליאן דאלאר שותפות וואס וועט ברענגען די צוקונפט פון פארגעשריטענע סעמיקאנדאקטער פארש ארבעט צו ניו יארק'ס קאפיטל ראיאן דורך שאפן די לאנד'ס ערשטע און איינציגסטע פאבליק אייגנטום High NA EUV Lithography Center.
- 200 מיליאן דאלאר פאר די איין נעטווארק פאר ארטיגע מאדערנע מאניופאקשורינג צוזאמענארבעט (One Network for Regional Advanced Manufacturing Partnerships, ON-RAMP) - א נעץ פון פיר נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן צו צוגרייטן ניו יארקער פאר די ארבעט פון די צוקונפט געשאפן דורך פירמעס ווי מיקראן און עדווארדס וואקום.

די אומפארטייאישע CHIPS and Science Act שאפט און Investment Tax Credit פאר סעמיקאנדאקטער פראדוקציע אנשטאלטן און סופליי טשעין שותפים ווי עדווארדס וואקום ווי אויך די ערשטע סארט 52 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע אנרייצונגען, וואס עדווארדס טוט נאכגיין, צו אנרייצן אמעריקאנע סעמיקאנדאקטער פארש ארבעט, אנטוויקלונג, פראדוקציע, און ארבעטס קראפט טרענירונג צו ברענגען גוט-באצאלטע דזשאבס צוריק פון איבערן ים, פארשטערקערן נאציאנאלע זיכערהייט, און צוריק אוועקשטעלן אמעריקע'ס טעכנעלאגישע פירערשאפט. די ביל פארלאנג עמפאנגער פון די אנרייצונגען צו מאכן באדייטנדע ארבעטער און געמיינדע אינוועסטירונגען וואס שטיצן ברייט-באזירטע עקאנאמישע וואוקס.

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכענענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע איז אוועילעבל [דא](#).

**סענעטאר קירסטען דזשיליברנעד האט געזאגט,** "איך בין גליקליך צו זעהן די אנהויב פון בוי ארבעט אויף די עדווארדס וואקום געביידע אין דזשענעסי קאונטי, וואס וועט שאפן הונדערטער גוט באצאלטע דזשאבס און וואקסן די עקאנאמיעס פון סיי מזרח ניו יארק און די פינגער לעיקס. די געבוי פון די עדווארדס וואקום געביידע איז נאר די אנהויב בשעת ניו יארק טוט ווייטער וואקסן אלס גלאבאלע פירער אין סעמיקאנדאקטער פראדוקציע. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט צו דורפירן די CHIPS and Science Act וואס האט געהאלפן לייגן די גרונטווערק פאר פירמעס ווי עדווארדס וואקום זיך צו אויסברייטערן אין ניו יארק, און איך קוק ארויס צו זעהן די וואוקס וואס די אנשטאלט ברענגט צו די ראיאן פאר יארן צו קומען."

**פארשטייער דזשאו מארעלא האט געזאגט,** "די איבערראשנדע מעלדונג איז ווייטערדיגע באווייז פון אונזער ראיאן'ס פירערשאפט און די גלאבאלע סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע. נשיט נאר וועט די געבוי פון עדווארדס וואקום פארשטערקערן אונזער סופליי טשעין און שאפן גוט-באצאלטע דזשאב געלעגנהייטן, עס וועט אויך וואקסן אונזער עקאנאמיע און פארבעסערן אונזער קאנקורענץ אויף די וועלט פלאטפארמע. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן דורפירן אינוועסטירונגען ווי דאס דורך דורכפירן די CHIPS and Science Act, און איך קוק ארויס צו ווייטער גיין מיט אונדער ארבעט צו צעמענטירן אונזער פאזיציע אלס א צענטער פאר ערפינדונג."

**סטעיט סענעטאר דזשארדזש מ. בארעלא האט געזאגט,** "די גרונדברעכונג פון עדווארדס וואקום אודי אינוועסטירונג, דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס וואס וועט נאכפאלגן עס וועט אריינברענגען א נייע קאפיטל פאר דזשענעסי קאונטי און פארשטעקערן איר וואקסנדע סטאטוס אלס א צענטער פאר טעק פראדוקציע. די וועג צו די גרויסע מאמענט איז געווארן געשטופט דורך א גראנדיעזע וויזע פאר די STAMP פלאץ און די יארן פון פלאנירן, פאנדן און שווערע ארבעט. פירן עס פאראויס דורכאויס איז געווען די איבערצייגונג אז די ראיאן און איר געוואלדיגע ארבעטסקראפט האט די באשטאנדטיילן פאר סוקסעס. די צוזאמענארבעט פון געטרייע לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שותפים האט אונז געברענגט צו די היסטארישע דערגרייכונג און שפיגלט אפ אונזער אייניגע פארפליכטונג צו אפסטעיט'ס ווידער אויפבלי. די צוקונפט איז ענדלאז."

**אסעמבלימעמבער סטיוואן האולי האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זעהן די מעלדונג היינט אז עדווארדס וואקום טוט אנהויבן בוי ארבעט ביי די STAMP מעגא-סייט. די 139טע אסעמבלי דיסטריקט איז אייביג געווען א צענטער פאר ערפינדונג און עס איז נאר פאסיג אז עס וועט זיין די צענטער פון ניו

יארק'ס אויפגייענדע סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע. די פראיעקט איז נאך א טריט אין די ריכטיגע דירעקציע צו וואקסן די לאקאלע עקאנאמיע, שאפן גוט-באצאלטע דזשאבס און מאכן ניו יארק א פירער אין די סעקטאר."

**דזשענעסי קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער שעלי סטיין האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג איז א ווידער באשטעטיגונג צו די פאזיטיווע ביישטייערונגען פון דזשענעסי קאונטי אין ברענגען אפירמע מיט די עהרע פון עדווארדס וואקום צו די STAMP מעגא-סייט. אונזער געמיינדע קען זיין שטאלץ צו זיין א טייל פון די וואקסנדע סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע נישט נאר אין ניו יארק סטעיט נאר אויך אריבער די לאנד און די וועלט. דזשענעדעסי קאונטי'ס לאקאציע, מענטשן, און אינפראסטרוקטור מאכן STAMP די אידעאלע פלאץ פאר צוקונפטיגע אינדוסטריע וואוקס דא. מיר קוקן ארויס צו עדווארדס וואקום פון אנגייענדע הצלחה."

**טאון פון אלאבאמא סופערווייזער ראב קראסען האט געזאגט,** "מיר באגריסן עדווארדס וואקום אויף די אנהויב פון בוי ארבעט ביי די STAMP מעגא-סייט. די לעצטע דערגרייכונג אין די אנטוויקלונג פון STAMP טוט ווייטער טראגן די אנערקענונג פון אונזער געמיינזאמע וויזיע פאר אינוועסטירונגען וואס פארבעסערן די עקאנאמיע, ציען גוט באצאלטע דזשאבס, און פארבעסערן אונזער געמיינדע."

**GCEDC פרעזידענט און CEO סטיוו הייד האט געזאגט,** "בשעת מיר ארבעטן צו וואקסן אונזער עקאנאמיע און דעליווערן פאמיליע-נאכהאלטיגע קאריערעס ביי די STAMP מעגא-סייט, איז האבן מיטארבעטער ווי עדווארדס וואקום, סענעטאר שומער, און גאווערנער האקול באלוינענד. די אנהויב פון בוי ארבעט פאר די קריטישע סעמיקאנדאקטער אינדוסטריע פראיעקט טוט דעמאנסטרירן די ווירקונג וואס STAMP שטעלט צו צו אונזער געמיינזאמע סטעיט און פעדעראלע וויזיע צו וואקסן סעמיקאנדאקטער און פארבינדענע פארגעשריטענע פראדוקציע סעקטארן."

**גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז פרעזידענט און CEO מאט הורלבאט האט געזאגט,** "הויכע טאלאנט, געוואלדיגע R&D קוועלער, צוטריט צו נידריגע-קאסט הײדראפאוער, און די פיינע אינפראסטרוקטור צו באקומען ביי די STAMP מעגא סייט זענען טייל פון די פארמעגנס וואס האט געמאכט די גרעיטער ראטשעסטער, NY ראאין די ריכטיגע פלאץ פאר עדווארדס אויסברייטערונג. מיר פייערן עדווארדס גרונדברעכונג ביי STAMP און די באדייטנדע שותפות וואס Greater Rochester Enterprise (GRE) האט פארמירט מיט עדווארדס פירער און אונזער ראיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג שותפים צו דערגרייכן די דערגרייכונג אין די פירמע'ס אויסברייטערונג פלענער. GRE וועט ווייטער שטיצן עדווארדס דורך דורכפירן פארבינדונגען צווישן די פירמע'ס פירער און שליסליכע סטעיקהאלטער פון די ביזנעס, געמיינדע, און אקאדעמיע. די צוזאמענארבעט פרואוו איז געצילט צו פארזיכערן א סוקסעספולע אנהויב און ווייטער פארבעסערן די באציאונגען צווישן עדווארדס, די געמיינדע, און די ראיאן'ס בליענדע פארגעשריטענע פראדוקציע און סעמיקאנדאקטער סעקטארן. מיר קוקן ארויס צו די פאזיטיווע ווירקונג וואס די אויסברייטערונג וועט האבן אויף די גרעיטער ראטשעסטער, NY ראיאן."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן